**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/22/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט אינוועסטירונגען אין לאנג איילענד שטארקייט פראיעקטן צו באשיצן קאמיוניטיס פון שווערע וועטער

***גאווערנער האקול און סטעיט באאמטע קוקן איבער שאדן ביים ברעג און נעמען שריט צו פאררעכטן שאדן צום ברעג***

***$2 מיליאן ענווייראנמענטאלע באנד אקט פארפליכטונג צו שטיצן אווערלוק ברעג פאררעכטונגען און שטארקייט פראיעקטן***

***$3 מיליאן צו שטיצן סופאלק קאונטי'ס ברעג שטארקייט און ערהוילונג פראיעקט אין פייער איילענד קאמיוניטיס***

***פארשנעלערטע אינפראסטרוקטור פאררעכטונגען און זאמד צולייגונג ביי גילגא סטעיט פארק***

***בילדער ווי גאווערנער האקול קוקט איבער אווערלוק ברעג זענען אוועילעבל [דא](); B-ראל איז אוועילעבל אויף YouTube [דא]() און אין TV קוואליטעט (h.264, mp4) פארמאט [דא]()***

נאך די באדייטנדע שאדן פון שטורעמס און זאכן וואס צוגייען צוליב נאכאנאנדע שטורעמס אויפ'ן ברעג, האט גאווערנער האקול היינט אנאנסירט וויכטיגע שטארקייט אינוועסטירונגען צו פארשטערקערן קאמיוניטיס ביים בארטן פון צואנגונג צוליב שווערע וועטערס געטריבן דורך קלימאט ענדערונג און האט ווייטער געדרוקט דער אמעריקאנער ארמי קארפס פון ענדזשינירן צו אונטערנעמען טיפערע פאררעכטונגען אויף די געשעדיגטע בארטן פראיעקטן. נייע סטעיט פינאנצירונג פאר די טאון פון באבילאן פאר די היסטארישע $4.2 ביליאן 'ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע ארבעט ענווייראנמענטאלע באנד אקט', א נייע מיטארבעט מיט סופאלק קאונטי צו צולייגן זאמד און העלפן פארשטערקערן פייער איילענד ברעגעס, און וויכטיגע פארבעסערונגען צו באשיצן פובליק צוטריט צו גילגא סטעיט פארק וועט פארבעסערן די מעגליכקייט פון די ווערדן אין פאל פון שווערע וועטער, הויכע וואסערן, און אנדערע אנגייענדע קלימאט ענדערונג שוועריקייטן וואס אפעקטירן די ראיאן. גאווערנער האקול האט געמאכט די אנאנסירונג נאכ'ן איבערקוקן אווערלוק ברעג אין די טאון פון באבילאן, אינאיינעם מיט דער קאמישאנער פונעם ענווייראנמענטאלע אפהיטונג דעפארטמענט באסיל סעגאס, סופאלק קאונטי עקזעקיוטיוו עד ראמעין, באבילאן טאון סופערווייזער ריטש שאפער, און סופאלק קאונטי לעגיסלאטור פרעסיידינג אפיציר קעווין מעקאפרי.

"לאנג איילענד קאמיוניטיס זענען זייער באקאנט מיט די שאדן וואס שווערע וועטערס פאראורזאכן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אין צוגאב צו ניו יארק'ס שריט צו באקעמפן קלימאט ענדערונג, נעמען מיר אויך שריט צו פארזיכערן אז אונזערע קאמיוניטיס, הייזער און אינפראסטרוקטור זענען שטארק און קענען

ביישטיין די ברעג שטורעמעס וועלכע קומען יעצט פאר. איך בין אנטשלאסן צו ווייטער גיין אונזער נאנטע מיטארבעט מיט די ארמי קארפס און לאקאלע באאמטע צו באשיצן לאנג איילענד."

די פראיעקטן וואס מען האט היינט אנאנסירט וועלן העלפן פארריכטן שאדן אויפ'ן בארטן, באשיצן קאמיוניטיס און וויכטיגע פארוויילונג ווערדן פון שווערע וועטער פאסירונגען, און שאפן ארבעט געלעגנהייטן וואס שטיצן לאקאלע עקאנאמיעס. ניו יארק סטעיט שטעלט צו $2 מיליאן צו די טאון פון באבילאן דורכאויס די ענווייראנמענטאלע באנד אקט צו באשיצן יעצטיגע פארק אינפראסטרוקטור ביי די טאון'ס אווערלוק ברעג אין סידער ברעג. די ברעג פאוויליאן און פארק זענען יעצט אין געפאר פון ווערן אריינגעשווענקט אינעם וואסער. די פינאנצירונג וועט העלפן שטיצן די העכערונג פון די פאוויליאן און פארמיידן די פארק און אנדערע פארוויילונגס ווערדן פון ווערן געשעדיגט דורך צוקונפטיגע שטורעמעס און צואנגונג פונעם בארטן.

ניו יארק סטעיט ארבעט אויך צוזאמען מיט סופאלק קאונטי און שטעלט צו $3 מיליאן צו שטיצן נאך בארטן צוגאבעס צו שנעלער באשיצן מזרח לאנג איילענד קאמיוניטיס אזויווי פייער איילענד פיינס און טשערי גראוו. כאטש פאררעכטונגען דורך די ארמי קארפס צום מזרח טייל פון פייער איילענד האלטן יעצט אינמיטן ווערן געטון צו אדרעסירן שאדן פון די ברעג וואס האט אנגעהויבן צו צוגיין שוין אין 2019, בלייבט א הויכע ריזיקע אז נאך א גרויסע שטורעם וועט פאראורזאכן נאך קאטאסטראפישע שאדן אין אסאך סופאלק קאונטי בארטן קאמיוניטיס. צום ביישפיל, אין טיילן פון די פיינס קאמיוניטי, איז די שיצנדע זאמד בערגל גענצליך צוגאנגען, און הייזער זענען אין געפאר פון שאדן פון דירעקטע כוואליעס.

אין צוגאב צו די ארבעט באשטימט צו העלפן פייער איילענד קאמיוניטיס, מוטיגן גאווערנאר האקול, די סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation, DEC), און לאקאלע מיטארבעטער פאר די ארמי קארפס צו געבן די נויטיגע באפולמעכטיגונג צו פאררעכטן שאדן פון מזרח לאנג איילענד. פריער אינעם חודש, [האט גאווערנאר האקול גערופן פאר די ארמי קארפס' פארשנעלערטע באשטעטיגונג פון סטעיט'ס עמערדזשענסי ערהוילונגס הילף פארלאנג] צו העלפן פארזיכערן אז פאררעכטונגען הויבן זיך גלייך אן כדי צו פארבעסערן בארטן שטארקייט פראיעקטן וועלכע באשיצן פובליק זיכערהייט און פארלייכטערן די ערנסטקייט פון צוקונפטיגע שאדן. ניו יארק האט געבעטן פארשנעלערטע פאררעכטונגען דורך די ארמי קארפס פאר פיר ברעג פראיעקטן: די פייער איילענד אינלעט צו מאריכעס אינלעט; מערב פון שינאקאק אינלעט; פייער איילענד אינלעט צו שארס וועסטערלי; און דאונטאון מאנטאוק. היינט, האבן זיך DEC קאמישאנער באסיל סעגאס און אנדערע סטעיט און לאקאלע באאמטע זיך צומגעזעצט מיט קאמיוניטי פירער און איבערגעקוקט די שאדן און ערהוילונגס פראיעקטן וואס האלטן אינמיטן.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער סעגאס האט געזאגט,** "פארבעסערן בארטן שטארקייט אין ערוואַרטונג פון קלימאט ענדערונג פאדערט ארבעט פון יעדן איינעם באזונדער, און DEC איז שטאלץ צו ארבעטן אינאיינעם מיט גאווערנאר האקול, סופאלק קאונטי, די ארמי קארפס, און אסאך לאקאלע מיטארבעטער צו שטיצן נויטיגע נאך-שטורעם ערהוילונגס און צוריקבוי און העלפן פארמיידן צוקונפטיגע שאדן. DEC'ס בארטן און וואסער קוואליטעט עקספערטן וועלן ווייטער ארבעטן דירעקט מיט קאמיוניטיס לענגאויס לאנג איילענד צו פאראויס רוקן וויכטיגע פראיעקטן נאך די שעדליכע שטורעמעס, און דאס אויסטיילונג פון מיליאנען דאלארן היינט איז בלויז נאך א ביישפיל פון גאווערנאר האקול'ס פארפליכטונג צו העלפן באשיצן לאנג איילענד'ס בארטן קאמיוניטיס."

גלייך נעבן אווערלוק ברעג, האט דער גאווערנאר אויך אנאנסירט אז די סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטארישע אפהיטונג וועט אנהויבן אראפנעמען שמוץ פונעם בארטן פון א געוועזענע קאוסט גארד סטאנציע אין [גילגא סטעיט פארק]. די שמוץ איז אויפגעדעקט געווארן נאכדעם וואס די ברעג צוגייט צוביסלעך נאך דריי שטארקע שטורעמעס פריער אינעם ווינטער. דאס אויפרוימען וועט אויך העלפן

מאכן די בארטן פארזיכערט פאר פארוויילונג. נאכ'ן אראפנעמען די שמוץ, וועט סטעיט פארקס לייגן אומגעפער 50,000 קיוביק יארדס פון זאמד ביים אריינגאנג צום פארק און ביי אנדערע פלעצער וואו מען קען באקומען צוטריט צום פארק צו זיין גרייט צו אויפנעמען פארק באזוכער שוין אפריל 1, אויב אומשטענדן ערלויבן עס. אויך, וועט די ארבעט העלפן אנהויבן א פלאנירטע פראיעקט דורך די ארמי קארפס צו טיפער מאכן פייער איילענד אינלעט און לייגן אומגעפער איין מיליאן קיוביק יארדס פון זאמד לענגאויס מערסטנס פון גילגא סטעיט פארק.

**סטעיט פארקס קאמישאנער עריק קולעסעיד האט געזאגט,** "איך אפלאדיר די פירערשאפט פון גאווערנאר האקול צו ארויסהעלפן אונזערע בארטן קאמיוניטיס נאך די גאר שווערע שטורעמעס. עס איז וואונדערבאר צו זען וויאזוי אלע שטאפלען פון רעגירונג קומען זיך שנעל צוזאם צו העלפן פארשטערקערן עמפינדליכע קאמיוניטיס קעגן די אפעקטן פון קלימאט ענדערונג."

**סטעיט סענאטאר דיען מארעי האט געזאגט,** "איך וויל באדאנקען גאווערנאר האקול פאר'ן אזוי שנעל באמערקן די געפארפולע אומשטענדן וועלכע מיר ספראוווען זיך מיט צוליב די מערערע שטורעמעס וועלכע האבן באטראפן לאנג איילענד איבער די לעצטע פאר וואכן. איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט איר און מיט אונזערע פעדעראלע מיטארבעטער און לאקאלע באאמטע אינעם צייט וואס מיר אדרעסירן ווייטער דאס וואס איז געווארן אן עמערזשענסי פראבלעם אויף פייער איילענד און אונזער לאקאלע בארטן קאמיוניטיס."

**אסעמבלימיטגליד דזשארעט גאנדאלפאו האט געזאגט,** "איך בין דאנקבאר אז דער גאווערנאר זעט איין די וויכטיגקייט פון פארשטערקערן בארטן קאמיוניטיס און אינוועסטירן אין די באשיצונג פון אונזערע בארטנס פון ווייטערדיגע שנעלע צוגאנגונג. מיט אנגייענדע שווערע שטורעמעס, דארף לאנג איילענד די סארט אינוועסטירונג און שטיצע יעצט מער פון אלעמאל. די נייע באשיצונגען וועלן דערגרייכן ווייט צו באשיצן אונזער עמפינדליכע בארטן קאמיוניטיס."

**סופאלק קאונטי עקזעקיוטיוו עד ראמעין האט געזאגט,** "מיר דאנקען גאווערנאר האקול פאר איר שריט צו באשיצן אונזערע ברעגן און וואסער בארטן קאמיוניטיס. יעדע יאר ספראוווען מיר זיך מיט די ערנסטע ווירקליכקייט אז מיר וועלן פארלירן נאך פון אונזער ברעג, שאפנדיג א פובליק זיכערהייט עמערזשענסי וואס אפעקטירט אויך ביליאנען אין טוריסט געלטער וועלכע קומען פון די הונדערטער טויזנטער באזוכער וועלכע קומען צו די וועלטס בארימטע ברעגן און היסטארישע ווילדזשעס און לענדמארקס. גאווערנאר האקול'ס צוזאג פון אגרעסיווע שריט צו באקעמפן די פראבלעם וועט אונז זיכער העלפן אפהיטן א גאנצע וועג פון לעבן וואס איז געווען א סימבאל פון לאנג איילענד פאר דורות."

**סופאלק קאונטי לעגיסלאטור פרעסיידינג אפיציר קעווין מעקאפרי האט געזאגט,** "עס איז אסאך מער ווי בלויז פאררעכטן דעם ברעג. עס איז איבער באשיצן די אושען פארקוועי און די הויפט לאנד פון די אטלאנטיק אושען. איך בין צופרידן אז ניו יארק סטעיט און גאווערנאר האקול האבן אוועקגעלייגט געלטער פאר דאס פארשטערקערונג פון אונזער פייער איילענד קאמיוניטיס, פאררעכטן אווערלוק ברעג, און גילגא סטעיט פארק. די שריט זענען גאר וויכטיג כדי צו באשיצן די דרום ברעג און אונזער וועג פון לעבן."

**סופאלק קאונטי לעגיסלאטור דאמיניק טארנע האט געזאגט,** "אונזער קאונטי האט לעצטנס געליטן פון רונדע פון שטורעמעס וואס האבן פאראורזאכט גרויסע שאדן צו פארשידענע קאמיוניטיס דא אויף די הויפט ברעג און פאר פייער איילענד קאמיוניטיס. איך בין גאר פרייליך צו זען ווי יעדע שטאפל פון רעגירונג ארבעט צוזאמען צו פאררעכטן און פארזיכערן דאס שטארקייט פון אונזער ברעג. איך וויל באדאנקען די גאווערנאר פאר איר רעאקציע צו אונזערע געבעטן פאר הילף."

**באבילאן טאון סופערווייזער ריטש שאפער האט געזאגט,** "מיר זענען גאר דאנקבאר צו גאווערנאר קעטי האקול פאר איר איבערגעגעבנקייט און פארפליכטונג צו באשיצן באבילאן'ס ברעגן. די שטארקייט אינוועסטירונגען היינט וועלן שטארק פארבעסערן אונזער מעגליכקייט צו ביישטיין די אפעקטן פון שווערע וועטערס, בארטן צוגאנגונג, און קלימאט ענדערונג. די אינוועסטירונגען זענען גאר וויכטיג אויף צו פארשטערקערן אונזערע קאמיוניטיס און פארזיכערן די לאנג-טערמיניגע שטארקייט פון אונזערע ווערדן ביים בארטן. מיר געבן ארויס אונזער טיפע דאנקבארקייט צו גאווערנאר האקול פאר איר שטארקע שטיצע מיט באשיצן אונזער ראיאן."

**ברוקלין טאון סופערווייזער דאניעל דזשעי. פאניקא האט געזאגט,** "ווען עס קומט צו שטורעמעס, איז די וואנט אינזל די ערשטע ליניע פון שיצונג פאר דאס לאנד, דערפאר באדאנקען מיר דעם גאווערנאר פאר'ן אויסטיילן די געלטער כדי צו דאס קענען ווייטער פארערכטן. אבער, מיר מוזן אדרעסירן די פראבלעם אלס א ראיאן און מוזן ענדיגן די גאנג וואס זעט אויס צו נישט האבן קיין עק פון עמערזשענסי פארערכטונג און אנשטאט אונטערנעמען א ראיאנישע פלאן, וויבאלד די אפטקייט און שטארקייט פון די שטורעמעס האבן פארעפנטליכט די פאקט אז די יעצטיגע צוגאנג קען מעגליך נישט זיין ווירקזאם."

**ברוקהעיווען טאון קאונסילמאן ניעל פאלי האט געזאגט,** "אלס דער קאונסילמאן וואס פארטרעט פייער איילענד קאמיוניטיס אין די טאון פון ברוקהעיווען, באדאנק איך גאווערנאר קעטי האקול פאר אירע מאסנעמען וואס זי נעמט אונטער פון פאראויס צו אדרעסירן שטורעם שאדן און צוגאנגונג. די שטארקייט אינוועסטירונגען געצילט צו פארשטערקערן די פייער איילענד ברעג זענען גאר וויכטיג אויף צו באשיצן אונזערע קאמיוניטיס פון די אפעקטן פון קלימאט ענדערונג. די באמיאונגען שטיצן סופאלק קאונטי'ס ברעג שטארקייט און ערהוילונגס פראיעקט אין פייער איילענד קאמיוניטיס."

**<u>גאווערנער האקול'ס ארומנעמיגע שטאנדהאפטיגקייט פלאן צו באשיצן ניו יארקער</u>**

פריער אינעם חודש, האט גאווערנאר האקול אנאנסירט אן ארומנעמיגע שטארקייט פלאן צו באשיצן ניו יארקער פון שווערע וועטער אלס טייל פון איר 2024 סטעיט אוו די סטעיט און נעמט אריין $435 מיליאן אין די עקזעקיוטיוו בודזשעט פארשלאג צו העלפן איינפירן די פלענער. מערקווירדיגע פראיעקטן רעכענען אריין:

- **אוועקשטעלן די 'שטארק און גרייט' פראגראם** צו אוועקשטעלן א בייגזאמע פאנד צו שטיצן שטארקייט באמיאונגען פאר נידריגע- און מעסיגע-איינקונפט היים אייגענטומער פאראויס פון צוקונפטיגע שטורעמעס. די פראגראם וועט ערמעגליכן פאר סטעיט הייזער און קאמיוניטי באנייאונג צו ארויסהעלפן הויזגעזונדער וועלכע האבן געליטן פון פארפלייצונג שאדן צו מאכן די נויטיגע פארערכטונגען נאך א שטורעם און וועט דעקן די קאסטן פון פארפלייצונג פארגרינגערונג פארערכטונגען פון פאראויס.
- **אוועקשטעלן די בלויע באפערס פרייוויליגע אויסקויף פראגראם**, מיט $250 מיליאן אריינרעכענענדיג אין די 2024-25 עקזעקיוטיוו בודזשעט צו מוטיגן אויסקויפן אין קאמיוניטיס וועלכע האבן די העכסטע אויסזיכטן פון פארפלייצונג. די פראגראם וועט לייגן צום ערשט אוטריטש און עדיוקעישאן און דערנאך אנהויבן אידענטיפיצירן פרייוויליגע פראיעקטן באזירט אויף די שטאפל פון פארפלייצונג ריזיקע, צו פארזיכערן אז מיר באשיצן אונזערע קאמיוניטיס וועלכע האבן די גרעסטע אויסזיכטן צו ליידן פון הויכע וואסערן און שטורעם כוואליעס.
- **מאכן גרויסע אינוועסטירונגען איבער די גאנצע סטעיט פאר דיזעסטער רעאקציעס** צו לייגן מער מאנשאפטן אויפ'ן ארט, פארבעסערן טרענירונג און גרייטקייט, און אדרעסירן יעדע דראאונג אין די צייט וואס עס קומט.
- **אפדעיט'ן ברעג שאדן שעדליכע געגנט (Coastal Erosion Hazard Area, CEHA) מאפעס**, וועלכע זענען זייער וויכטיג אויף צו באשיצן די ברעגעס, זאמד בערגלעך, און בלאפס

וועלכע האלטן אן און פארבעסערן פארפלייצונג שטארקייט, אזוי אז קאמיוניטיס און פערמיט אפליקאנטן זאלן קענען שנעל באשליסן אויב א פראפערטי איז אין א CEHA.

די ווילער-באשטעטיגטע $4.2 ביליאן ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע ארבעט ענווייראנמענטאלע באנד אקט העלפט שטיצן די אלע און נאך אנדערע איניציאטיוון, ארייערכענענדיג נוצן געלטער פאר וואסער קוואליטעט פארבעסערונג און שטארקייט אינפראסטרוקטור. דער באנד אקט אוואנסירט היסטארישע שטאפלען פון געלטער צו דערהיינטיגן אלטע וואסער אינפראסטרוקטור און באשיצן וואסער קוואליטעט, פארשטערקערן קאמיוניטי'ס מעגליכקייט צו ביישטיין ערנסטע שטורעמעס און פלייצונג, פארמינערן לופט פארפעסטיגונג און נידערן קלימאט-ענדערנדע ארויסגעבונגען, צוריקברענגען האביטאטס, און אויפהאלטן דרויסנדע ערטער און לאקאלע פארמס. שוואכערע קאמיוניטיס וועלן באקומען צום וויניגסטנס 35 פראצענט פון די בענעפיטן פון די באַנד געזעץ געלטער, מיט א ציהל פון 40 פראצענט. פאר מער אינפארמאציע איבער די באנד אקט, גייט צו www.ny.gov/BondAct.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418